בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# קְרִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ

דֶער קוּנְטְרֵס גֶעבְּט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן גְרִינְגֶערְהֵייט פוּן דִי שְׁמוּץ אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן. יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הָאפֶענוּנְג זִיךְ אָפְּצוּוָאשְׁן פוּן אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטְס, וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "צֵא מֵהַבּוֹץ" פוּן הָרַב הַגָאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# קְרִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ

## א

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין יֶעצְט זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ און אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט שְׁפִּירְן און זֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט

אַלֶעס, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט צוּ דֶעם גְרוֹיסְן טָאג, דֶערִיבֶּער פַארְלֵייגְט זִיךְ יֶעצְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט גָאר אַ גְרוֹיסֶער טוּנְקְלְקֵייט. מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם זֶעט מֶען נָאר אַלֶע סָארְט עֶקְלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע שְׁמוּץ אוּן בְּלָאטֶע פוּן נִאוּף. לֵיידֶער וֶוערְן פִילֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פַארְכַאפְּט אִין דֶעם, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ בַּאקוּמֶען גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, מֶער נִישְׁט צוּ גְלֵייבְּן אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י״ב:) ״אַחֲרֵי לְבַבְכֶם זֶה הִרְהוּרֵי עֲבוֹדָה

זָרָה, וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם זֶה הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה״ - דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין גֶעמֵיינֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע זַאכְן, אוּן פוּן דָארְט גֵייט עֶס וַוייטֶער צוּ מִינוּת אוּן כְּפִירָה. דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע טוּנְקֶלְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַאר עֶס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

לֵיידֶער אִיז דֶער דוֹר הַיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק אוּן גְרוֹיס, אִיבֶּערָאל אִיז דָא צוּ קוֹיפְן אוּן בַּאקוּמֶען, צוּ קוּקְן אוּן זֶען, אַלֶע סָארְט גֶעמֵיינֶע עֶקֶלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מַאגַאזִינֶען, מָאוִויס אוּן וִוידִיאָס, עֶס אִיז לֵיידֶער אַזוֹי גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֶען אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ אוּן עֶקֶל, אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת אוּן נִאוּף,

און דָאס צִיט אַרַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְכֶע קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, און דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ פַאלְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אַלֶע סָארְט שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם, אִיז אִים שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס. אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם פוּן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אִיז אִים שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שֵׁיידְן דֶערְפוּן. חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ד׳, ב׳) "עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה" – אֵיין עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת. דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת, אָבֶער גָאר סְפֶּעצִיעֶל זֶעט מֶען דָאס בַּיי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף.

כָאטְשׁ וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה און עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַז דָאס אִיז נִישְׁט

דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג, עֶר זֶעט און עֶר שְפִּירְט אַז דִי אַלֶע שְמוּץ אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מַאכְן אִים נָאר דֶערְבִּיטֶערְט און פַארְזוֹיעֶרְט, עֶר פַארְלִירְט דֶעם טַעַם אִין זַיין לֶעבְן, פון דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן דִי עֲבֵירוֹת אַזַא שְטַארְקְן כֹּחַ, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְש וֵוייסְט אַלֵיין אַז דָאס אִיז נִישְט גוט פַאר אִים, קֶען עֶר זִיך אָבֶּער נָאכְאַלְץ נִישְט אָפְּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן, עֶס צִיט אִים וַוייטֶער און וַוייטֶער, און עֶר פַאלְט דוּרְך אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל אִין בִּיטֶערֶע הַארְבֶּע שְמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת פון נאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן.

נִישְט אומְזִיסְט הָאבְּן אַלֶע צַדִיקִים גֶעשְרִיגְן אַז פַאר מָשִיחַ וֶועט קומֶען וֶועט אַרָאפְּקומֶען אַ מַבּוּל פון כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן הָאבְּן גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין אֱמוּנָה פְּשוּטָה, דָאס אַלֶעס קומְט דוּרְך

דֶעם וָואס דֶער ס״מ הָאט שׁוֹין קוֹדֶם עֶרְלֶעדִיגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן צֶעשְׁפְּרֵייט אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ אוֹיף גָאר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער אוּן אָפֶענֶער פַארְנֶעם, אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֶען אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ אוּן עֶקֶל, אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת אוּן נִאוּף, אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גְרִינְג צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט גֶעמֵיינֶע עֶקֶלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מַאגַאזִינֶען, מָאוִויס אוּן וִוידִיאָס; אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין דֶעם, וֶוערְט זַיין מֹחַ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶס קוּמֶען שׁוֹין אַרַיין אִין אִים אַלֶע סָארְט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב׳ י״ט) ״כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים״, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיך אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז אָבֶער זִיכֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרויס, דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער שִיקְט נִישְט קַיין נִסָיוֹן פַּאר אַ מֶענְטְש וָואס עֶר זָאל זִיךְ נִישְט קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן דֶערְפוּן. ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְש לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַּארֶעכְטְן, עֶר קֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן. עֶר דַארְף נָאר טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס זָאל אִים לֶערְנֶען דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש לִיגְט שוֹין אִין דִי שְוֶוערְסְטֶע אוּן עֶקֶלְדִיגְסְטֶע עֲבֵירוֹת פַּאר לַאנְגֶע יָארְן, אוֹיבּ אָבֶער וֶועט עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת אִים צוּ הֶעלְפְן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

אֵיינְמָאל אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר טְרֶעפְט דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז עֶר שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער. דֶער צַדִיק הָאט אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע אוּן גְרִינְגֶע עֵצוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן דִי הֶעכְסְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן דִי עֵצוֹת הֶעלְפְן פַאר דִי וָואס פַאלְן אַרַיין אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

אַזוֹי וִוי אָבֶער דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֵצָה צוּ גֵיין צוּ דֶעם צַדִיק, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאךְ שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אִין זַיין לֶעבְּן אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים נִישְׁט אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען צוּם צַדִיק אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אַז עֶר זָאל קֶענֶען דוּרְךְ דֶעם צַדִיק אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְלַייכְטְן זַיין לֶעבְּן; דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ מוּזְן דוּרְכְגֵיין דֶעם נִסָיוֹן צוּ הֶערְן אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע׳ס

אוּן רְכִילוּת אוֹיף דֶעם צַדִיק, אַז עֶר זָאל הֶערְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּזַאם אוֹיף דֶעם צַדִיק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיבּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט זוֹכֶה, דַאן וֶועט עֶר אָנְנֶעמֶען דִי לָשׁוֹן הָרַע׳ס, עֶר וֶועט נִישְׁט גֵיין צוּ דֶעם צַדִיק, אוּן עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת. אוֹיבּ אָבֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ קְלוּג אוּן כַאפְּט זִיךְ אַז דָאס אַלֶעס וָואס עֶר הֶערְט אִיז נָאר זַיין נִסָיוֹן וַוייל מֶען וִויל אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דַאן וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר וֶועט נָאר לוֹיפְּן צוּם צַדִיק אוּן פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ה׳).

## ב

דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת ז׳, י״ד) ״זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים״, קֶענְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא אִין דִי טוּמְאָה, אִיז דָא קֶענְן דֶעם אוֹיךְ אִין דִי קְדוּשָׁה. אַזוֹי ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת צוּ מַאכְן מֶענְטְשְׁן זִינְדִיגְן אַזוֹי גְרִינְג, עֶר שְׁלֶעפְּט אַרַיין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי בִּיטֶערֶע טוּמְאָה פוּן דִי אַלֶע סָארְט גֶעמֵיינֶע שְׁמוּצִיגֶע אוּן עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין טִיף אִין דִי שְׁמוּץ, קוּמְט דֶער זֶעלְבֶער יֵצֶר הָרַע אוּן רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג, עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הָאט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף

אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם גָאר גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אִין וֶועלְכֶע שְׁוֶועֶרֶע אוּן טִיפֶע בְּלָאטֶע עֶר אִיז נָאר אַרַיינְגֶעפַאלְן זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְ'אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן שְׁמוּץ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶעם, עֶר הָאט שׁוֹין צוּזַאמְגֶעקוּקְט אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מָאוִויס אוּן וִוידִיאָס, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן נַשְׁגַ"ז (נִדָה שִׁפְחָה גוֹיָה זוֹנָה), אִיז עֶר שׁוֹין אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי זַאכְן, עֶר קְלֶעבְּט מַמָשׁ דֶערְצוּ

און עֶר קֶען זיךְ נִישְט אַוֶועקְרַייסְן דֶערְפון. דֶער מֶענְטְש פְּרובִּירְט עֶס צו בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט נִישְט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם וָואס עֶר טוט, אֲפִילו פַאר זַיין נָאנְטֶע פַאמִילְיֶע און עֶלְטֶערְן וֶועט עֶר נִישְט אויסְזָאגְן וָואס עֶר טוט אַלְץ אָפּ אונְטֶער זֵייעֶר רוקְן. קֵיינֶער וֵוייסְט טַאקֶע נִישְט וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט גֶעטון, דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער אָבֶּער יָא, און דִי גְרויסֶע צַדִיקִים וֵוייסְן דָאס אויךְ. און בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ הָאט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַ אִידִישֶע נְשָמָה, דִי נְשָמָה נָאגְט אִים און צִיט אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ אויפְוֶועקְן פון שְלָאף, עֶר זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פון דִי אַלֶע שְלֶעכְטְס, עֶר שְפִּירְט זִיךְ אָבֶּער וִוי גֶעבִּינְדֶען דִי הֶענְט און פִּיס, עֶר קֶען זִיךְ נִישְט אַרויסְזֶען דֶערְפון.

עֶס אִיז אָבֶּער זִיכֶער דָא אַ וֶועג אַרויס. וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְש לֶעבְּט, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן. אויף

יֶעדֶע עֲבֵירָה הֶעלְפְּט תְּשׁוּבָה, און אֲפִילוּ אויף די הַארְבְּסְטֶע און שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבֵירוֹת (זֹהַר שְׁמוֹת ק״ו). מֶען דַארְף אָבֶער גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה הויבְּט זיך אָן דורְך אַ צַדִיק, מֶען דַארְף טְרֶעפְן דֶעם ריכְטִיגְן אֶמֶת׳ן גְרויסְן צַדִיק און זַיינֶע תַּלְמִידִים, און גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן, פָּאלְגְן זַיינֶע גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת און לִימוּדִים, און אויף דֶעם וֶועג וֶועט מֶען סוֹף כָּל סוֹף אַרויסְקְרִיכְן פון אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וויסְן וֶוער עֶס אִיז דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִיק? אויף דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן אויב דֶער צַדִיק קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אָדֶער נִישְׁט. אויב גֵייט מֶען צוּ אַ צַדִיק און מֶען זֶעט אַז דֶער צַדִיק הֶעלְפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ און וַוייזְט אִים אַ וֶועג אִין לֶעבְן ווִי אַזוֹי עֶר קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז דָאס דֶער רִיכְטִיגֶער צַדִיק. אויב אָבֶער גֵייט מֶען צוּ

אַ צַדיק און מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט דורְך טֶעג און וָואכְן און עֶס רוקְט זיך גָארְנישְׁט צום בֶּעסֶערְן, דַאן איז אַ סימָן אַז מֶען איז נישְׁט אויפְ'ן ריכְטיגְן אַדְרֶעס. עֶס קֶען טַאקֶע זַיין אַז יֶענֶער איז גָאר אַ גְרויסֶער צַדיק פַאר זיך אַליין, עֶר הָאט אָבֶער נישְׁט די כּוחות און מֶעגְליכְקֵייטְן אַרויסְצוּשְׁלֶעפְּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פון זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און שְׁמוּץ.

דָאס איז די עֶרְשְׁטֶע נִסָיוֹן וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דורְכְגֵיין, עֶר דַארְף זיך אַכְטוּנְג גֶעבְן נישְׁט צוּ רֶעדְן און חוזֶק מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם פון דֶעם אֱמֶת'ן צַדיק וָואס קֶען אים הֶעלְפְן, וַוייל אויב וֶועט עֶר זיך אויסְדְרֵייעֶן דֶעם רוקְן צום צַדיק, עֶר וֶועט רֶעדְן און חוזֶק מַאכְן פון אים, דַאן וֶועט עֶר דָאךְ שוין נישְׁט

הָאבְּן דֶעם דָאקְטֶער וָואס זָאל אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן בְּרוּחֲנִיוּת.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּער אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן צַדִיק אוּן הֶערְן זַיינֶע אֱמֶת׳עֶ רֵייד, דַאן הָאט עֶר זִיכֶער אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן פוּן יֶעצְט אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן וֶועט עֶר קוֹדֶם טְרַאכְטְן אוּן קוּקְן וָואס זַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן זָאגְן דֶערְצוּ. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג אוּן גוּט צוּ טוּן אַ גֶעוִוויסֶע זַאךְ, צוּ גֵיין אוֹיף אַ גֶעוִוויסְן וֶועג, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער צוּרִיק הַאלְטְן אוּן עֶס נִישְׁט טוּן

אויב ער וֶועט מורָא הָאבְּן אַז זַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן אִים אֶפְשָר אויסְלַאכְן און אַוֶועקְמַאכְן.

דָאס אִיז אֵיינֶע פון דִי סִיבּות פַארְוָואס אַ מֶענְטְש הָאט מורָא צו גֵיין צו אַ צַדִיק, טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר וֵוייסְט אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן זַיין יְשועָה, וֶוען עֶר וֶועט גֵיין צום צַדִיק הָאט עֶר אַ הָאפֶענונְג אַרויסְצוקְרִיכְן פון זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און עֲבֵירות וָואס דֶערְבִּיטֶערְן אִים דָאס לֶעבְּן. דֶער מֶענְטְש גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייבִּיגֶע גוטֶע לֶעבְּן אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט, בְּלויז צולִיבּ דֶעם וַוייל אֶפְשָר וֶועט זַיין חַבֶר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז עֶר גֵייט צום צַדִיק.

דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר נִישְט גֶערֶעכְט. וֶוען אַ מֶענְטְש טְרַאכְט אַרַיין מִיט אַן אֱמֶת׳עֶ יִשוב הַדַעַת וֶועט עֶר זֶען אַז זַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן אִים גָארְנִישְט

הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטֶער חַבֶר אִיז אוֹיךְ נָאר דָא צוּ הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר. אִין דִי מִינוּט וָואס עֶר וֶועט זֶען אַז עֶר קֶען שׁוֹין הָאבְּן קַיין טוֹבוֹת פוּן דִיר, אִיז עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט דַיין חַבֶר. אַצִינְד טְרַאכְט אַרַיין אוֹיבּ עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִילְף וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען בַּיים צַדִיק, פַּאר אַ חַבֶר וָואס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל הֶעלְפְן מִיט דַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, הַיינְט אִיז מֶען דָא אוּן מָארְגְן אִיז מֶען שׁוֹין אִין קֵבֶר (בְּרָכוֹת כ״ח:). דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְק צוּיָאגְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי זוּמְפִּיגֶע בְּלָאטֶע אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אָפְּצוּלָאזְן דִי אַלֶע

שְׁמוץ אִין וָואס דֶער קָאפּ לִיגְט אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֶעזִינְקֶען. דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פון יֶעדְן אִיד צִיט אִים טַאקֶע צורִיק צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אויף און עֶס הויבְּט אִים אָן צו רַייסְן בַּיים הַארְץ אַז עֶר גֵייט נִישְׁט אויפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג און עֶר מוז טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרויס. מֶען דַארְף אָבֶער גֶעדֶענְקֶען און צִיטֶערְן אַז עֶס קֶען אַמָאל אָנְקומֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זִיךְ שׁוין דֶערְקֵייקְלֶען אַזוי נִידְרִיג, אַז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, און דַאן וֶועט מֶען עֶרְשְׁט זַיין אויף גֶעהַאקְטֶע צָרות, מֶען וֶועט שׁוין אויפְהֶערְן אֲפִילו צו זוכְן אַן עֵצָה גֶעהָאלְפְן צו וֶוערְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין בַּאצַייטְנְס, וִוי לַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען נָאךְ

אַלֶעס פַארֶעכְטְן, און מֶען זָאל נִישְׁט קוקְן אויף קֵיין חֲבֵרִים און אויף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר לויפְן צום צַדִיק און צו זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים און זוכְן אַ וֶועג וִוי אַזוי תְּשׁובָה צו טון.

דֶער צַדִיק הָאט אַזֶעלְכֶע גוטֶע עֵצות און וֶועגְן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר גֶעפונְט זִיךְ נָאר. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ און וַואשְׁט אִים אויס אִינְגַאנְצְן. נִישְׁט נָאר וָואס עֶר הֶעלְפְט אִים אַרויסְקְרִיכְן פון דִי קְלֶעבֶּעדִיגֶע שְׁמוץ מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרומְגֶענומֶען, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט אִים נָאךְ אויךְ צו צו דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגות אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוגֶעקְלֶעבְּט נָאר צום אֵייבֶּערְשְׁטְן און זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

## ג

די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס פַארְ'ן מֶענְטְש אִיז אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנָאךְ; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש הָאט שׁוֹין גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע נִידְרִיגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש הָאט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה רַחְמָנָא לִצְלָן; קֶען עֶר נָאכְאַלְץ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְש קוּקְט זִיךְ אָן אוּן זֶעט אַז עֶר לִיגְט טִיף אִין שְׁמוּץ, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי סָארְט עֲבֵירוֹת וָואס קְלֶעבְּן צוּם מֶענְטְש אוּן ס'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, דֶער מֶענְטְש שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט

צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶס אוּן עֶס גְלוֹיבְּט זִיךְ אִים נִישְׁט אַז מֶען קֶען נָאךְ אַמָאל פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַיינְגֶעוואוֹינְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, עֶר הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן וָואכְן מִיט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע גֶעמֵיינֶע עֶקֶלְדִיגֶע בִּילְדֶער אוּן ווִידִיאָס; אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן בַּיים קוּקְן, נָאר דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז מֶען זָאל מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָלָה, אוּן טוּן נָאךְ הַארְבֶּערֶע עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף אוּן שְׁמוּץ; וָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין דִי זַאכְן אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן; פוּן דֶעסְט וֶועגְן לֶערְנְט אוּנְז דֶער צַדִיק אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי שְׁמוּץ, אוּן ווִי וַוייט אוּן טִיף מֶען אִיז גֶעפַאלְן אִיז דָא אוֹיךְ פוּן דָארְט אַ וֶועג אַרוֹיס.

חַזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה י״ט, ד׳) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְּט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ, אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן זֶענֶען אַלֶעמָאל אָפְן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק נֶעמֶען אוּן אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז.) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל״ג, י״ט) ״וְרִחַמְתִּי אֶת אֲשֶׁר אֲרַחֵם״, אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט וֶוערְד אַז מֶען זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים (פְּסָחִים פ״ז:), אוּן עֶר שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע הֶענְט פוּן אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דִי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, צוּ מְקָרֵב זַיין

דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם קי״ט).

דֶערִיבֶּער צִיטֶערְט דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק פוּנֶעם צַדִיק, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת פְּרוּבִּירְן אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּנֶעם צַדִיק, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גֵיין צוּם צַדִיק אוּן פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת, דַאן אִיז אַ שָׁאד פַאר זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע. דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ מַאכְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְוַוייטֶערְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלוֹיבְּט שׁוֹין נִישְׁט אַז עֶר קֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע אַריינְגֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵשֶׁק תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

אוּן דַאן קוּמְט דֶער צַדִיק אוּן זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד פַארְ'ן מֶענְטְש אַז אֲפִילוּ עֶר לִיגְט אוּן עֶר זִינְקְט אִין עֲבֵירוֹת אוּן אִין שְׁמוּץ, קֶען עֶר אִין אֵיין מִינוּט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר צֶעבְּלָאזְן דֶער גַאנְצֶער גְרוֹיסֶער וַואנְט וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ בּוֹיעֶן אוּן אָפְּטֵיילְן דֶעם אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּלְעָם הָרָשָׁע הָאט גֶעוָואלְט שֶׁעלְטְן אוּן טְשֶׁעפֶּען דִי אִידְן, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיינֶע קְלָלוֹת אוֹיף בְּרָכוֹת, עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט בֶּענְטְשְׁן דִי אִידְן, אִיז עֶר דַאן אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה צוּ מַאכְן זִינְדִיגְן דִי אִידְן מִיט זְנוּת אוּן נִאוּף, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט (סַנְהֶדְרִין צ"ג.) אַז "אֱלֹקֵיהֶם שֶׁל אֵלוּ שׂוֹנֵא זִימָה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט זְנוּת, אוּן

אוֹיבּ וֶועט עֶר מַכְשִׁיל זַיין דִי אִידְן מִיט זְנוּת וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, אוּן דָאס וֶועט זֵיי דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאגְן חַזַ"ל (בַּמִדְבָּר רַבָּה כ', י"ג) אַז בִּלְעָם הָרָשָׁע הָאט אוֹיךְ גֶעוואוּסְט דֶעם סוֹד אַז אֲפִילוּ וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר גֶעפַאלְן קֶען עֶר אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ שֶׁעלְטְן דִי אִידְן הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, אוּן דַאן הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט "חָטָאתִי - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז תְּשׁוּבָה אִיז דִי זַאךְ וָואס קֶען צוּרִיק הַאלְטְן יֶעדֶע סָארְט שְׁטְרָאף, וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, דַאן קֶען שׁוֹין קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן. עֶר הָאט יָא

גֶעוואוּסְט דֶעם סוֹד אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן אַרַיינְפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶענֶען זֵיי אִין אֵיין מִינוּט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי אַלֶעס מוֹחֵל זַיין, עֶר הָאט דָאס אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן, וַוייל דָאס אִיז וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע טוּט, עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אוּן אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן מֶער.

חַזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה י״ב, ג׳) אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס רַחֲמָנוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז אֲפִילוּ בִּשְׁעַת עֶר אִיז אִין כַּעַס אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים. בִּלְעָם הָרָשָׁע הָאט דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעמֵיינְט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, עֶר

הָאט נָאר גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּען אוּן שֶׁעלְטְן דִי אִידְן, עֶר הָאט דָאךְ נָאר גֶעוָואלְט מַכְשִׁיל זַיין דִי אִידְן מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט אִים גֶעהָאלְפְן דָאס וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶועןְ אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז יֶעדֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אוֹיךְ גָאר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אָפֶענֶע אָרֶעמֶעס.

דִי בְּחִירָה בְּלַייבְּט אָבֶער נָאכְאַלְץ בַּיים מֶענְטְשׁ אִין דִי הַאנְט. מֶען קֶען זִיךְ לָאזְן פַארְפִירְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אָפְּמַאכְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אַז מֶען קֶען שׁוֹין

נִישְׁט פוּן דָארְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָדֶער קֶען מֶען גֵיין צוּם צַדִיק, גְלֵייבְּן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, אוּן וִויסְן אַז מֶען קֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט) אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן פַארְדְרֵייט זֵייעֶר דֶעם מֶענְטְשׁ'ס שֵׂכֶל, אוּן מַאכְט אִים טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים מֶער נִישְׁט הָאבְּן. אוּן דָא לִיגְט דִי בְּחִירָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף אַוֶועקְוַוארְפְן דִי פַארְקְרוּמְטֶע שֵׂכֶל וָואס אִיז גֶעוָוארְן פַארְדְרֵייט פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן זִיךְ נָאר צוּהֶערְן צוּ וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ אַלֶעמָאל, אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט.

אויב וֶועלְן מִיר דָאס טוּן, צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִיק אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, וֶועלְן מִיר קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט און שְׁנֶעלֶערְהֵייט אַרויסְקְרִיכְן פון אַלֶע שְׁלֶעכְטְס און וֶוערְן אֱמֶת׳דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ״ג).

ד

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז פִילֶע גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַרויסְצוּקְרִיכְן פון שְׁמוּץ און וֶוערְן אֱמֶת׳דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צְוֵויי הוֹיפְּט עֵצוֹת זֶענֶען אָבֶּער תּוֹרָה און תְּפִלָּה. אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, יֶעדְן טָאג זָאל עֶר אַרָאפְּנֶעמֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר. און פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען

תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיךְ פַאר אִים אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי שְׁפֶּעטֶער עֶרְקְלֶערְט.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן וֶוען עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוען עֶר ווִיל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע אִין וָואס עֶר אִיז פַארְזִינְקֶען, אִיז צוּ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּ גֵיין אִין אַ זַייט, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֶעפוּנֶען זִיךְ נִישְׁט, אוּן דָארְט זָאל עֶר שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן אִין וָואס עֶר אִיז פַארְזִינְקֶען, אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל שׁוֹין זַיין אַן אֶמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דַאן

וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אִים מְקַבֵּל זַיין בְּרַחֲמִים וְרָצוֹן, און אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ.

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרַשׁ תַּנְחוּמָא, פַּרְשַׁת וַיֵּרָא) "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער: אִיר זָאלְט זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אִין תְּפִלָּה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, און דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט וֶוערְד אַז מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיין תְּפִלָּה און אִים הֶעלְפְן, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן און אַסַאךְ בֶּעטְן און בֶּעטְן, וֶועל אִיךְ טוּן מִיט אִים אַ חֶסֶד און עֶנְטְפֶערְן זַיין תְּפִלָּה". תְּפִלָּה הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיף זַיין הַארְץ, וֶועט דָאס

עֶפֶענֶען פַאר אִים אַלֶע טִירְן און טויעֶרְן, דָאס וֶועט אִים מַאכְן עֶרְלִיך, דָאס וֶועט מַאכְן אַז עֶר זָאל תְּשובָה טון, און דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צו אַלֶעס גוטְס אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער, טֵייעֶרֶער אִיד, זֵיי נִישְט קַיין נַאר; יֶעצְט וֶוען דו לֵיינְסְט דִי שורות מַאך שוין אויף דַיין מויל און הויבּ אָן רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶעפֶער, נָאר דו וֵוייסְט וָואס עֶס גֵייט דורְך אויף מִיר, נָאר דו פַארְשְטֵייסְט מַיין הַארְץ, נָאר דו קֶענְסְט מַיינֶע נַאטורְן און דו הַאלְסְט מִיט מַיינֶע שְוֶועֶרֶע נִסְיונות, נָאר דו בִּיזְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען מִיר אַרויסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָב, און דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיך דִיר אַז דו זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן; עֶפְן מַיין מויל און גֶעב מִיר אַרַיין דִי רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער אִין מויל, אַז אִיך זָאל ווִיסְן וָואס

אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, אוֹיף אַ וֶועג אַז אִיךְ זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן אִין וָואס אִיךְ לִיג אַיינְגֶעזִינְקֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס דֶעם אֱמֶת אַז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג, מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע יְשׁוּעָה, אִיז נָאר אַז אִיךְ זָאל אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִיר, אַז אִיךְ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּ דִיר; נָאר דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן; אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר. פוּן צַייט צוּ צַייט וֶועק אִיךְ זִיךְ אוֹיף אַבִּיסְל פוּן מַיין שְׁלָאף אוּן אִיךְ רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ דִיר, אָבֶּער גַאנְץ שְׁנֶעל וֶוער אִיךְ וִוידֶער פַארְזִינְקֶען אִין

מַיין טִיפֶע שְׁלָאף, אִיך פַארְגֶעס אִינְגַאנְצְן פוּן דִיר, אִיך וֶוער פַארְשְׁלֶעפְּט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וַוארְפְט מִיר ווידֶער אַרַיין אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיך זָאל גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ רֶעדְן צוּ דִיר. נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס אִיך טוּ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל אִיך פַאל דוּרְך; זָאל אִיך אָבֶער יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ דִיר, נָאכְאַמָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִיר מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, נָאכְאַמָאל אִיבֶּער׳חַזְר׳ן פַאר דִיר אַלֶעס וָואס אִיך טוּ אוּן אַלֶעס וָואס אִיך וִויל טוּן, אוּן דִיר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז אִיך וִויל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין זִיך אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, מַיין מֹחַ זָאל שׁוֹין טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר אוּן נִישְׁט פוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן. אוּן אִיך בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ וֶועל אִיך רֶעדְן צוּ דִיר יֶעדְן טָאג,

װעל איך סוף כָּל סוף זוֹכֶה זַיין צוּ װערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְליכֶער אִיד״.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און סְפֶּעצִיעֶל אַ מֶענְטְשׁ װָאס אִיז אַזוֹי פַארְזינְקֶען אִין בְּלָאטֶע און אִין נַארִישְׁקֵייטְן, און עֶר װעקְט זִיך אוֹיף און עֶר װִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט דֶעם װָאס אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת װערְט זַיין קָאפּ און מֹחַ אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, זַיין הַארְץ װערְט אִינגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט (יוֹמָא ל״ט.), מִיט דִי עֲבֵירוֹת שְׁטוּפְּט עֶר אַװעק דִי שְׁכִינָה פון זִיך (חֲגִיגָה ט״ז.), עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶערִיבֶּער אִיז אִים זֵייעֶר שְׁװער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן; אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען פִילְט נִישְׁט װִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט און הֶערְט זִיך צוּ צוּ

יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל, מֶען שְׁפִּירְט נָאר ווִי קֵיינֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן גֶעבֶּעטְן; פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל מֶען דָאס וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן, טָאג נָאךְ טָאג זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז אֵיין טָאג וֶועט זִיךְ דוּרְכְבְּרֶעכְן דִי אַייז אוּן מֶען וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס וַואשְׁט אוֹיס זַיין נְשָׁמָה, אוּן בְּרֶענְגְט אִים נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, עֶס קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיבּ רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען אוֹיפְּ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג צוּם צִיל,

וַוייל נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג ווי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל קֶען אֲפִילוּ זַיין אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ דִי אַנֶערְקֶענוּנְג אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אוּן עֶר הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַוְקָא דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְט זִיךְ נָאךְ מֶער דַיין יֵצֶר הָרַע, עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער נָאךְ שְׁוֶוערֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן דֶערְפוּן, זֶעעֶנְדִיג אַז אַנְשְׁטָאט וָואס עֶר זָאל יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן בֶּעסֶער, פַאלְט עֶר גָאר אַרָאפּ נָאךְ מֶער ווי בִּיז יֶעצְט.

דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר ווִילְד אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס עֶר קֶען צוּרִיק צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק אַרַיין וַוארְפְן אִין בְּלָאטֶע.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, אִיז עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. עֶר קֶען וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט אָבֶער אַז אַזוֹי גֵייט עֶס, דַוְקָא וֶוען מֶען ווִיל אָנְהוֹיבְּן צוּ זַיין גוּט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע נָאךְ מֶער מִתְגַבֵּר, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר עֶר וֶועט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת וֶועט עֶר

אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְטְן אוּן גָארְנִישְט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פַאלְט עֶר נָאךְ וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער. עֶר וֶועט וִויסְן אַז דָאס אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג, אוּן אוֹיב עֶר וֶועט זַיין שְטַארְק מִיט דֶעם וֶועט עֶר צוּם סוֹף אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְלֶעמֶען.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְטְן דַארְף זַיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְפְּרַאךְ אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר אוּן צוּ אַ נָאנְטֶער פְרַיינְד. וַוייל דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְש קֶען דָאס בֶּעסְטֶע אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע אֶמֶת'ע גֶעפִילְן וָואס לִיגְן אוֹיף זַיין הַארְץ. אָבֶּער אוֹיסֶער דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְפְּרַאךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ

דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג אַזוֹי וִוי דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה הָאבְּן אַיינְגֶעפִירְט.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, צוּ קוּקְן אַסַאךְ שְׁמוּץ און צוּ לִיגְן אִין שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס דַאוֶוענֶען, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֶסְתֵּר ד׳ ב׳) ״כִּי אֵין לָבֹא אֶל שַׁעַר הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ שָׂק״. דִי עֲבֵירוֹת בְּרֶענֶען אוֹיס אִינְגַאנְצְן דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִינֶעם דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט בַּיים דַאוֶוענֶען וִוי עֶר קֵייט שְׁטְרוֹי, עֶר שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערְקֵייט אִינֶעם דַאוֶוענֶען, און עֶר וִויל נָאר אַנְטְלוֹיפְן דֶערְפוּן; און זִיכֶער אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי טַייטְשׁ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען.

מֶען דַארְף אָבֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע גֶעפִילְן, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג און דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת שַׁחְרִית, מִנְחָה, און מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. אַרַיינְצוּקוּקְן אִין סִידוּר און אַרוֹיסְזָאגְן יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם דַאוֶוענֶען. דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלוֹת הָאבְּן אִין זִיךְ גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, און דָאס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מֶענְטְש און אִים צוּרִיק שְׁלֶעפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און נָאכְדֶערְצוּ וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוֹיף צוּ זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט "תִיקוּן חֲצוֹת", און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְּן גָאר שְׁטַארְק זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ה

דָאס דַאוֶּועןֶ און רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אָבֶער נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, אַ אִיד דַארְף אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי תּוֹרָה וָואס אַ אִיד לֶערְנְט רֵיינִיגְט אִים אוֹיס אִינְגַאנְצְן, און דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ אַז זַיינֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן שְׁנֶעלֶער און גְרִינְגֶער. חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרַשׁ תַּנְחוּמָא, פַּרְשַׁת אֱמוֹר) "אִין דִי זְכוּת פוּן דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט, וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִלּוֹת", און דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ח, ט') "מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמוֹעַ תּוֹרָה, גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה".

תּוֹרָה און תְּפִלָּה גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, הוֹיבְּט זִיךְ אִים אָן צוּ בֶּענְקֶען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בַּאקוּמְט אַ חֵשֶׁק און גֶעפִיל צוּ רֶעדְן צום

אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶפֶּענְט זִיךְ אִים אוֹיף דָאס הַארְץ אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר בַּאקוּמְט אַ חֵשֶׁק אוּן גֶעפִּיל צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד מַאכְן אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, זוֹהַר אוּן תִּקּוּנִים, אוּן הֲלָכָה. אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס מַמָשׁ וִוי אוּמְמֶעגְלִיךְ פַאר אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ דָאס צוּ בַּאוַוייזְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ אַז עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט; הָאט אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן

רֶבִּי׳ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אָנְהוֹיבְּן בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט. דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן קַיין קָאפּ אוּן מֹחַ צוּ דֶעם, מֶען דַארְף בְּלוֹיז נוּצְן דֶעם מוֹיל אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין אִיז מֶען מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס אַלֵיין בְּרֶענְגְט אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער עֶרְשְׁטֶער שִׁיעוּר אִיז אִין דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם מִיט

דִי רַשְׁ״י״ס. חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח:) ״כָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִיבּוּר, מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״ – װער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע װָאךְ, װֶעט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים, עֶר װֶעט הָאבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֹרַח חַיִּים סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג׳) װֶערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִיבּוּר״, דָאס מֵיינְט אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דָאס װָאס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פְרַייטָאג, דָאס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל װָאס זָאגְט אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דַוְקָא פְרַייטָאג.

אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן נַארְן. דֶער פַאקְט אִיז אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרַיינְשְׁטוּפְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה אוֹיף אֵיין מָאל אִין פְרַייטָאג, סְפֶּעצִיעֶל אִין װִינְטֶער אִין דִי קוּרְצֶע

פְרַײטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַײן, דֶערְנָאךְ פְּרוּבִירְט מֶען צוּ מַשְׁלִים זַײן דִי סֶדְרָה אִין שַׁבָּת אָדֶער אֲפִילוּ זוּנְטָאג אוּן נָאךְ שְׁפֶּעטֶער, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע בְּדִיעֲבַד.

דֶערְפַאר טָאר זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, נָאר יֶעדְן טָאג זָאל עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַײן אַ חֵלֶק פוּן דִי סֶדְרָה. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוײטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז שַׁבָּת הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים, מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵוײ, יֶעדֶער אֵײנֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהוֹיבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵײן שִׁשָּׁה סִדְרֵי

מִשְׁנָה בִּיז מַסֶכֶת עוּקְצִין, אוּן דַאן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, דָאס הַרְגְ'ט אִינְגַאנְצְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דָאס פַארְרֶעכְט אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פוֹגֵם גֶעוֶוען אִין זַיין לֶעבְּן.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט. "מִשְׁנָה" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי "נְשָׁמָה", עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה. אוּן "מִשְׁנָה" אִיז אוֹיךְ דִי אוֹתִיוֹת "מְשַׁנֶה", עֶס טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַריין דָארְט, נָאר

עֶר פִירְט אִים גְלַייךְ צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן. אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִים ל׳, ד׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "מִשְׁנָה", מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת וָואס מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִין רוּחְנִיוּת, הָאט עֶס אוֹיךְ גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת בְּגַשְׁמִיוּת, דָאס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט גְרוֹיס שֶׁפַע מִיט בְּרֵייט פַּרְנָסָה פַאר׳ן מֶענְטְשׁ. "מִשְׁנָה" אִיז בְּגִימַטְרִיָא "פַּרְנָסָה".

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער דָארְפְס אִיד, אַ שׁוּסְטֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען קַיין לֶערְנֶען. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען שַׁבָּת אִין שׁוּל פַּרְשַׁת מִקֵץ אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער בַּעַל קוֹרֵא שְׁרֵייט הוֹיךְ דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ״ג, י״ב) "וְכֶסֶף

מִשְנָה קְחוּ בְּיֶדְכֶם", און די וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דֶעם סוד וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט גֶעלְט, אוֹיבּ וִויל מֶען הָאבְּן 'כֶּסֶף - גֶעלְט', דַארְף מֶען 'מִשְנֶה קְחוּ בְּיֶדְכֶם - מֶען דַארְף נֶעמֶען אַ מִשְנַיוֹת אִין דִי הַאנְט אַרַיין'"... און אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר הָאט נִישְט פַארְשְטַאנֶען קַיין לֶערְנֶען, עֶר הָאט אָבֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְנַיוֹת, וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאךְ אַ פֶּרֶק אָדֶער עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְנַיוֹת, בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל גַאנְץ שִשָה סִדְרֵי מִשְנָה.

עֶס אִיז נִישְט דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז וֶוען פוּן דֶעם אָרִימֶער שוּסְטֶער אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶר. עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ גְרוֹיסֶער פַאבְּרִיק פוּן שִיךְ

און עֶר הָאט זֵייעֶר שֵיין מַצְלִיחַ גְעוֶוען און גֶעוָוארְן זֵייעֶר זֵייעֶר רַייךְ אִין זְכוּת פון זָאגְן אַסַאךְ מִשְנַיוֹת.

ווִי אוֹיךְ דַארְף מֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג גְמָרָא. וֶוען אַ אִיד זָאגְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיסֶע מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְלֶעכְטְס, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זי"ע) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵי תֵיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

אִין אָנְהוֹיבּ קֶען עֶס אוֹיסְקוּקְן ווִי אַ נַארִישְקֵייט און אַ גֶעלֶעכְטֶער בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא וֶוען מֶען פַארְשְטֵייט גָארְנִישְט וָואס מֶען זָאגְט. וֶוען אַ מֶענְטְש ווִיל אָבֶּער רֵיינִיגְן זַיין נְשָמָה און אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ בַּאוַוייזְן אָן צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. אִין דִי הֵיילִיגֶע

וֶוערְטֶער לִיגְט גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס דָאס הֵיילִיגְט און רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט.

"תַּלְמוּד" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "לִילִי"ת", וָואס דָאס אִיז דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ און מַאכְט אִים זִינְדִיגְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דָאס זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא הַרְגְ'ט דִי קְלִיפָּה אִינְגַאנְצְן. וִוי גוּט און וִוי וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וִויפִיל עֶר קֶען. מֶען הוֹיבְּט אָן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, און מֶען גֵייט וַוייטֶער מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת צוּ זָאגְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, בִּיז מִיט דִי צַייט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, און מֶען הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ.

און אַזוֹי אוֹיך מַאכְט מֶען זיך אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מֶדְרָשׁ. אִין מֶדְרָשׁ לִיגְט אַזוֹיפִיל מוּסָר און הִתְחַזְקוּת וָואס דֶערְנֶענְטֶערְט דָאס הַאֶרְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲזַ״ל זָאגְן (סִפְרִי, פַּרְשַׁת עֵקֶב) ״אוֹיב ווילְסְטוּ קֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַגָדָה. וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט אַגָדָה בַּאקֶענְט מֶען זיך מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען הוֹיבְּט אָן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן״. און אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיך (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ב׳) ״בְּכָל הָאָרֶץ יָצָא קַוָם (תְּהִלִים י״ט, ה׳) – אֵלוּ אַגָדוֹת״.

ווי אוֹיך דַארְף מֶען זיך צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זוֹהַר און תִּקוּנֵי זוֹהַר. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל הָאט גֶעגֶעבְן אַ תִּקוּן פַאר אַ בַּעַל עֲבֵירָה אַז עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער זוֹהַר און תִּקוּנֵי זוֹהַר; וַוייל בְּלוֹיז דָאס זָאגְן די

הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, רֵיינִיגְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס זֶענֶען אָנְגֶעקְלֶעבְּט אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ.

און אִיבֶּער אַלֶעם דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה און שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אָן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין אִיד. אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ און הֲלָכָה צוּ וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן, צוּ וִויסְן וָואס מֶען דַארְף טוּן און וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן. און דָאס לַייטֶערְט אוֹיךְ אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ח׳).

ו

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְזִינְקֶען אִין עֲבֵירוֹת שׁוֹין פַאר לַאנְגֶע יָארְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין ווָאוֹיל און עֶרְלִיךְ און עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען,

אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד; מִיט-דֶעם-אַלֶעם אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אָן אוֹיסְנַאם צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן פֵיינֶע לֶעבְּן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְּסְטוּ טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן, וָואס הָאט פַאר דִיר אַ וֶועג דִיךְ צוּ הֶעלְפְן אִין דַיין לֶעבְּן, אַ צַדִיק וָואס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִלָה; פוּן אֵיין זַייט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי זַאכְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת׳דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## נפתלי הירצקא בן חנה נרו יאיר

**הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבו לטובה, ויתברך מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יחזקאל בן רחל פייגא נ"י

וזוגתו

הענדל בת שיינדל תחי'

**ובנם**

נחמן נתן נ"י

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם
לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## משה יחיאל בן ברכה גיטל יוכבד נ"י
## וזוגתו
## רחל קריינדל בת שרה בריינדל ליבא תחי'

## ובניהם

### יוסף מרדכי, אברהם.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.